



July 2nd, 2010

ליטעראַטור

# דער גולם: די ירושה פֿון דורות

**פֿון מיכאל קרוטיקאָװ (ען־אַרבאָר)**
**ספּעציעל פֿאַרן "פֿאָרווערטס"**

Gerhard Josef Langer

erhard Josef Langer:
m Ende schuf der Mensch...
alzburg: Edition Tandem,
010.




קהילה לעבן
רעליגיע
קולטור
געשיכטע
פֿאָטאָ־אַרכיוו
משפּחה
פֿאַרשיידנס
בריוו פֿון לייענער
אַנאָנסן
אַבאָנעמענט
אַרכיוו

ווײַטער
זײַט וויסן
ייִדישע מאָזאַיִק
אין וועלט אַרײַן

די געשטאַלט פֿונעם גולם האָט אַ לאַנגע און רײַכע ליטעראַרישע געשיכטע אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן, אָבער דאָס בוך פֿון גערהאַרד לאַנגער "לסוף האָט דער מענטש געשאַפֿן...", איז, דאַכט זיך, דער ערשטער ראָמאַן, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַ פֿאָרשער פֿון ייִדישקייט. פּראָפֿעסאָר לאַנגער פֿונעם זאַלצבורגער אוניווערסיטעט האָט זיך קונה־שם געווען מיט זײַנע פֿאָרשונגען פֿון תּנ״ך און מדרש. זײַן העלד, מיכאַעל פֿיורסט איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישע לימודים אין זאַלצבורג; אַ קריסטלעכער טעאָלאָג, וואָס האָט מיט דער צײַט אָנגעהויבן דענקען און אויפֿנעמען די וועלט מיט ייִדישע אויגן.

אָבער בעת דער הויפּט־העלד פֿונעם ראָמאַן זעט אויס גאַנץ רעאַליסטיש, מען קאָן אַפֿילו זאָגן אויטאָ־ביאָגראַפֿיש, איז דער סיפּור־המעשׂה ביז גאָר פֿאַנטאַסטיש. די האַנדלונג איז פֿולגעפּאַקט מיט כּלערליי אַוואַנטורעס, סודות און נסים. די געהיימע פּאָליטיק פֿונעם נאָענטן מיזרח, די געשיכטע פֿון ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע, דער הײַנטיקער שמוגל פֿון מיידלעך פֿון מיזרח־אייראָפּע ווערן איבערגעמישט מיט קבליסטישע פּירושים און טעאָלאָגישע חקירות. די געשעענישן קומען פֿאָר, דער עיקר, אין הײַנטיקן עסטרײַך. אָבער צומאָל ווערט דער לייענער אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער צײַט,

פֿאָרווערטס־ייִחוס
שפּראַך־פּיטשעווקעס
געשיכטע
קינד און קייט
אַרכיוו
ראַדיאָ־זשורנאַל
אַרכיוו
אונדזער קראָם
קאָמפּאַקטלעך
אַבאָנעמענט
אינפֿאָרמאַציע
וועגן אונדז

אָדער אויף אַן אַנדער אָרט — פֿון בוקאָווינע ביז ירושלים.

דער צענטראַלער מאָטיוו פֿונעם ראָמאַן איז די אַלטע גולם־מעשׂה. הגם די אידעע פֿון שאַפֿן אַ קינצלערישן בן־אָדם פֿון ליים האָט אַלטע וואָרצלען אין דער קבלה, האָט זי באַקומען אַן אַנטוויקלונג ערשט צום סוף פֿון דער מיטל־אַלטערלעכער תּקופֿה; און דווקא אין דעם מלכות פֿון די האַבסבורגן; אין פּראָג, סוף 16טן יאָרהונדערט. זינט דעמאָלט האָט די מאַגישע געשטאַלט פֿונעם גולם אויפֿגערודערט דעם כּוח־הדמיון פֿון ייִדישע און ניט־ייִדישע קינסטלער און ליטעראַטן, און איז ספּעציעל פּאָפּולער געוואָרן אין די דײַטשיש־רעדנדיקע לענדער מיט אַרום הונדערט יאָר צוריק, אַ דאַנק דעם ראָמאַן פֿון גוסטאַוו מײַרינק (1914) און דעם פֿילם פֿון פּאַול וועגענער (1915).

דער ראָמאַן "לסוף האָט דער מענטש געשאַפֿן..." שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מין המשך פֿון דער דאָזיקער ליטעראַרישער טראַדיציע. די געשטאַלט פֿון גולם האָט דאָ אַ סימבאָלישע פֿונקציע. זי פֿאַרקערפּערט אַ באַגער, וואָס יעדער מענטש טראָגט אין זײַן אונטערבאַוווסטזײַן. דעם העלד פֿונעם ראָמאַן גיט זיך אײַן, נאָך אַ סך מי און אַוואַנטורעס, צו באַהערשן דעם סוד פֿון שאַפֿן אַ גולם מיט דער הילף פֿון צירופֿים און אַנדערע קבליסטישע אָפּעראַציעס. פֿון דעם קומט אַרויס אַ שיין מיידל

מיטן נאָמען "בצלמו", וואָס רעדט על־פּי־טבֿע דעם אַלטן העברעיִש פֿונעם תּנ״ך, אָבער איז אויך בכּוח גרינג צו באַהערשן אַלע הילכות פֿון דער מאָדערנער וועלט.

אויִב מען קאָן זאָגן, אַז בצלמו פֿאַרקערפּערט דעם חלום פֿונעם קאַטוילישן פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישע לימודים אינעם זאַלצבורגער אוניווערסיטעט, האָבן די ייִדישע פּערסאָנאַזשן פֿונעם ראָמאַן זייערע אייגענע סיבות צו שאַפֿן אַ גולם. אַ גרופּע עלטערע רוזשינער חסידים איז אַ מאָל על־פּי־נס געראַטעוועט געוואָרן פֿונעם חורבן דורך אַ ריזיקן גולם; אָבער איצט ווילן זיי אומקערן דעם דאָזיקן סוד דאָרטן צוריק אינעם צדיקס קבֿר. די ייִנגערע ישׂראלים באַדאַרפֿן דעם גולם, כּדי צו לייזן זייערע פּראָבלעמען, בעת אַ קרימינעלע גרופּע האָט בדעה איינצושטעלן אַ מאַסן־פּראָדוקציע פֿון גולם־מיידלעך פֿאַר ווינער באָרדעלן.

אַ סך געשעענישן פֿונעם ראָמאַן זײַנען ביז גאָר ווילד און ניט־וואָרשײַנדלעך. אָבער ניט זיי זײַנען, דער עיקר, נאָר דער געדאַנקען־גאַנג פֿון פּראָפֿעסאָר מיכאַעל פֿיורסט. ער שטייט צווישן צוויי וועלטן. ווי אַ ליבעראַלער איראָפּעער, איז ער פֿרײַ פֿון ייִדישע אַנגסטן און ליידנשאַפֿטן, אָבער ווי אַ קענער פֿון ייִדישער קולטור און געשיכטע

פֿאַרשטייט ער זיי זייער גוט. די ייִדישע פּערסאָנאַזשן פֿונעם ראָמאַן גיבן אים אַזוי אָדער אַנדערש צו וויסן, אַז ער איז אַ פֿרעמדער אין זייער וועלט. ווי אַ קריסט קאָן פֿיורסט קיין מאָל ניט אַרײַנקוקן אין דער ייִדישער נשמה.

דער ראָמאַן באַרירט שאַרפֿע מאָראַלישע פֿראַגעס פֿון דער הײַנטיקער פּאָליטיק. פֿיורסט האָט אַ סך סימפּאַטיע און מיטלײַד צום ציוניזם און ישׂראל און שטעלט זיך אַנטקעגן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען, וואָס ווערן אַלץ מער פֿאַרשפּרייט אין אייראָפּע. אָבער דערבײַ האַלט ער, אַז די קייט פֿון קעגנזײַטיקן געוואַלט צווישן די ישׂראלים און אַראַבער קאָן פֿירן צו אַ נײַעם חורבן, סײַ אַ פֿיזישן און סײַ אַ מאָראַלישן. ער אַליין קאָן ניט פֿאָרלייגן קיין וועג, עס בלײַבט פֿאַר אים בלויז צו אָבסערווירן און זאָרגן זיך פֿאַר בצלמו, וואָס ער האָט ליב, ווי זײַן אייגענע טאָכטער

גאַנץ אינטערעסאַנט איז די שילדערונג פֿונעם ריס צווישן צוויי דורות ייִדן — די עלטערן, וואָס זײַנען אויפֿגעוואַקסן אין מיזרח־אייראָפּע און ניצול געוואָרן פֿונעם חורבן, און זייערע ישׂראלדיקע קינדער. ניט געקוקט אויף דער הייסער קעגנזײַטיקער ליבע, פֿאַרשטייען ניט די צווי דורות ייִדן זייער גוט איינער דעם אַנדערן. די עלטערן ווילן באַגראָבן דאָס שטיקל אַלטן פּערגאַמענט מיטן סוד פֿונעם גולם, וואָס האָט זיי אַ

מאָל געראַטעוועט פֿונעם חורבן, בעת די קינדער ווילן ברענגען דעם גולם צום לעבן, כּדי צו לייזן זייערע פּראָבלעמען. קיין איינדײַטיקן ענטפֿער באַקומט מען ניט. דער ראָמאַן ענדיקט זיך מיט צוויי לוויות, און דאָס ווײַטערדיקע לעבן פֿונעם העלד בלײַבט אונטער אַ פֿראַגע־צייכן.

לאָזט איבער אַ קאָמענטאַר

ארויסדרוק PRINT

e Webmaster

Wege zwischen Salzburg und Wien, zwischen damals und heute. (DR)

Der Protagonist des vorliegenden Romans ist ein wenig zwanghaft, mag Strukturen und gerade er wird in dieses Labyrinth zahlreicher Geheimnisse hineingezogen. Michael Fürst, so der Name des Helden, der als Professor für jüdische Kulturgeschichte wohl auch der Richtige ist, das geheimnis- wie wertvolle Pergament zu entschlüsseln. Die Bestände der Salzburger Universitätsbibliothek werden hier ebenso bemüht, wie aktuelle Geschehnisse in den Erzählstrang verwoben sind. Der Bombenanschlag auf die israelische Botschaft, der die LeserInnen gleich zu Beginn des Romans vor Geheimnisse stellt, ist Teil eines gelungenen Plots.

Gerhard Langer weiß als Judaist und Theologe um die Sache, versucht sich nicht als Sachbuchautor, sondern als Verfasser eines Prosastücks. Welche Gattung könnte Fragen und kritisches Nachfragen besser transportieren als eine Kriminalgeschichte?

*bn* Christina Repolust

Quelle: bn.bibliotheksnachrichten